**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מעדאל דעזיין, טעלעוויזיע פירמע און פארמעסט צייפלאן זעקס חודשים בעפאר לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן אנהויב**

***מער פון 500 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונגען האבן פארבעסערט ראיאנישע ווינטער ספארטס אינפראסטראקטור***

***מעדאלן זענען פראדוצירט געווארן אין צוזאמענארבעט מיט אלפרעד אוניווערסיטעט איינגעשטעלטע און סטודענטן נוצנדיג גלאז וואס איז פאבריצירט געווארן אויף אן ענווייראמענט-פריינטליכע אופן; בילדער פארעפנטליכט דא***

***ESPN אויסדערוועהלט אלץ אפיציעלער טעלעוויזיע און דיגיטאלע דיסטריביוטער; וועלן אויפשפילן כמעט 160 שעה פון דעקונג איבער די נעטווארקס***

***געשעענישן און פארמעסטן צייטפלאן פארעפנטליכט דא; טיקעטס הויבן אן פארקויפט ווערן סעפטעמבער 1***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די נייע דעזיין פון די מעדאלן און די פארמעסט צייטפלאן פאר די בעפארשטייענדע לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן (World University Games), זעקס חודשים בעפאר די שפילן זענען באשטימט זיך אנצוהויבן. די שפילן וועלן אויסנוצן מער פון 500 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג געווידמעט צו פארבעסערן די ספארטס זאלן און איינריכטונגען פון די אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט (Olympic Regional Development Authority, ORDA) אין די נאָרט קאנטרי און ארומיגע ראיאן. אין צוגאב, האט גאווערנער האקול אנאנסירט, אז ESPN איז אויסדערוועהלט געווארן צו זיין דער אפיציעלער טעלעוויזיע און דיגיטאלע דיסטריביוטער פון די שפילן, און אז טיקעטס וועלן אנהויבן פארקויפט ווערן סעפטעמבער 1.

"אין בלויז זעקס חודשים וועט ניו יארק ענטפאנגען די וועלט צוריק צו לעיק פלעסיד פאר די FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.**"א דאנק די מער פון 500 מיליאן דאלאר אין ספארטס אינפראסטראקטור פארבעסערונגען, אונזערע הערליכע מעדאלן דעזיינט דורך אלפרעד אוניווערסיטעט סטודענטן און איינגעשטעלטע, און א שותפות מיט ESPN — זענען די שפילן פארשפראכן צו זיין די בעסטע ביז היינט און א געוואלדיגע ברכה פאר די ראיאנישע עקאנאמיע. צוזאמען מיט לאקאלע פירער, ביזנעסער און מיט די 'מעסקאט' עדיראַנדעק מעק — קען איך נישט ווארטן צו אויפנעמען די ספארטסלער אוןביישויער פון ארום די וועלט ביי אונז אין הויף."

די לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן איז א 11-טאגיגע מערערע ווינטער ספארטס און חינוך'דיגע פעסטיוואל, באשטימט צו פארקומען פון יאנואר 12 ביז יאנואר 22, 2023, און

וועט ברענגען 2,500 קאלעדזש ספארטסלער און דעלעגאטן פון איבער 600 אוניווערסיטעטן און 50 לענדער, זיך פארמעסטנדיג אין 12 סארטן ווינטער ספארטס און 86 געשעענישן. די מעדאלן פאר די שפילן זענען פראדוצירט געווארן אין צוזאמענארבעט מיט איינגעשטעלטע און סטודענטן פון די ניו יארק סטעיט קאלעדזש פון טעפעריי פון אלפרעד אוניווערסיטעט (New York State College of Ceramics at Alfred University). די אוניווערסיטעט און איר צענטער פאר גלאז ערפינדונגען און די Inamori ענדזשענירונג סקול האבן גענוצט ריסייקלטע גלאז פון פאטסדעם, סעינט לאורענס קאונטי, צו פראדוצירן די גלאזענע מעדאלן, אויסנוצנדיג די סטעיט'ס היסטאריע פון פארגעשריטענע גלאז טעכנאלאגיע. די לאָגאָ וואס איז איינגעקריצט אין די גלאז סימבאליזירט די צענטראלע קאנצעטרירונג פון די שפילן – דער קאלעדזש ספארטסלער – און עס לייגט צו נאך א שיכט צו די דעזיין. בילדער פון די מעדאלן קענען געזעהן ווערן דא.

גאווערנער האקול האט אויך פארעפנטליכט די אפיציעלע פארמעסט צייטפלאן פאר די שפילן וועלכע קענען געפונען ווערן דא. די צייטפלאן לייגט אויס די דאטומען, צייטן און פלעצער פאר די געשעענישן פון אלע 12 ספארטס און אזוי אויך די הויפט געשעענישן ווי די עפענונג און פארענדיגונג צערעמאניעס.

אין צוגאב, האט די גאווערנער אנאנסירט, אז ESPN איז אויסדערוועהלט געווארן צו זיין דער אפיציעלער טעלעוויזיע און דיגיטאלע דיסטריביוטער פאר די לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן. אונטער דעם אפמאך וועט +ESPN אויפשפילן כמעט 140 שעה פון דעקונג דורכאויס די 11-טאגיגע געשעעניש, מיט מער פון 20 פון ESPN2 און ESPNU נעטווארק דעקונג. די הויכפונקטן פון די ESPN'ס פרעזענטאציע פון די לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלן זיין די עפענונג צערעמאניע און פארשידענע פארמעסט געשעענישן, אריינרעכענענדיג סנאָובאורד קראס, ספיד סקעיטינג, פיגור סקעיטינג לאנגע פראגראמען און די גאלדענע מעדאל פארמעסטן פאר פרויען'ס און מענער'ס אייס האַקי. TSN וועט אויפשפילן נאך דעקונג פאר מענטשן אין קאנאדע.

**אלימפישע ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, מייק פרעט, האט געזאגט,** "אונזער אלימפישע אינפראסטראקטור וועט בקרוב אויפנעמען קאלעדזש און אוניווערסיטעט ספארטסלער פון ארום די וועלט. די באגייסטערונג בויט זיך אויף, און אונזער שטעלונג אין די ספארטס וועלט העכערט זיך. די ORDA זאלן זענען א פארמעגן מיט וואקסנדע ווערט וואס וועלן ברענגען אויסערגעווענטליכע רעזולטאטן פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

דורכאויס די פארגאנגענע זעקס יאר האט ניו יארק סטעיט געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין ORDA'ס ערשט-קלאסיגע טרענירונג און פארמעסטן איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג איבער 500 מיליאן דאלאר אריבער אלע ORDA זאלן און אפעראציעס אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל בערג. אלץ רעזולטאט פון די אינוועסטירונגען זענען ORDA איינריכטונגען אפן א גאנץ יאר פאר געשעענישן, ספארטסלער טרענירונג און פארוויילונג. אין ORDA זאלן ווערן אפגעהאלטן לאקאלע, ראיאנישע, נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע געשעענישן, אריינרעכענענדיג די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן, וועלכע וועלן נאכגעפאלגט ווערן מיט די סינכראניזירטע פיגור סקעיטינג אלוועלטליכע טשעמפיאנשיפס (Synchronized Figure Skating World Championships) אין מערץ 2023 און די באַבסלעד סקעלעט אלוועלטליכע טשעמפיאנשיפס (Bobsled Skeleton World Championships) אין פעברואר 2025.

די סטעיט האט אויך אינוועסטירט אין ווינטער ספארטס אינפראסטראקטור אריבער די נארט קאנטרי ראיאן. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) שטיצט די פארבעסערונג פון די סערענעק לעיק סיוויק צענטער (Saranac Lake Civic Center) אין פרענקלין קאונטי מיט א 4.5 מיליאן דאלארדיגע אָפּסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו (Upstate Revitalization

Initiative) גרענט, און די איינריכטונג איז באשטימט געווארן צו אפהאלטן די קוירלינג (Curling) שפילן. נאך ESD אינוועסטירונגען רעכענען אריין פינאנצירונג צו פאראויס רוקן פראיעקטן ווי Adirondack Health'ס לעיק פלעסיד געזונטהייט און מעדיצינישע דזשים צענטער, Saranac Waterfront Lodge און Hotel Saranac.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלן פארשטעלן לעיק פלעסיד און די ארומיגע נאָרט קאנטרי קאמיוניטיס צו ביישויער פון ארום די וועלט. די סטעיט'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו שטיצן און וואקסן די ראיאן'ס טוריזם און פארמעסט שפילן אינפראסטראקטורן זענען קריטיש פאר די הצלחה פון די שפילן, און זיי שטופן ווייטער די ראיאן אלץ א ווינטער ספארטס דעסטינאציע."

**עדיראַנדעק נאָרט קאנטרי ספארטס קאונסיל (Adirondack North Country Sports Council) עקזעקיוטיוו דירעקטארין עשלי וואלדען האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו אויסנוצן די טעכנאלאגיע און מומחיות'שאפט פון אלפרעד אוניווערסיטעט. די גלאזענע מעדאלן זענען נאך א פארשטעלונג פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו אפהאלטן די מערסטע ענווייראמענט-פריינטליכע FISU שפילן ביז היינט — א צענטראלע טייל פון די 'ראטעווע די ווינטער' (Save Winter) אינציאטיוו."

**ESPN סיניאר דירעקטאר פון פראגראמען און איינקויפונגען, דען מרגלית, האט געזאגט,** "די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלן צולייגן צו לעיק פלעסיד'ס רייכע היסטאריע פון אפהאלטן ערשט-קלאסיגע ווינטער ספארטס פארמעסטן, און ESPN איז באגייסטערט צו אויפשפילן די געשעענישן און די טויזנטע קאלעדזש ספארטסלער וועלכע וועלן אנטיילנעמען פון ארום די וועלט."

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** "די קומענדיגע יאר'ס אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלן ברענגען אינטערנאציאנאלע ספארטסלער און ביישויער צוריק צו לעיק פלעסיד. די סטעיט פינאנצירונג וואס איז צוגעטיילט געווארן וועט פארזיכערן אז אונזערע ספארטס זאלן און די ארומיגע פלאץ זענען אין די בעסטע צושטאנד און וועלן ארויסווייזן זייערע אייגנארטיגע קוואליטעטן און חן צו באזיכער און די וועלכע זעהען די שפילן אויף ESPN קומענדיגע יאר."

**אסעמבלי מיטגליד בילי דזשאָונס האט געזאגט,** "עס איז שווער זיך צו גלויבן אז די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן שטייען בלויז זעקס חודשים אוועק פון יעצט נאך די אלע יארן פון פארברייטונגען און צוזאמענארבעט צווישן סטעיט און לאקאלע פירער וועלכע האבן ערמעגליכט די מאמענט. די געשעעניש וועט ארויסווייזן די לעצטיגע פארבעסערונגען צו ORDA איינריכטונגען און צו די סערענעק לעיק סיוויק צענטער, און עס וועט באקענען די ביישויער מיט די שיינקייט פון די עדיראַנדעק ראיאן און מיט וואס אונזער לאקאלע ביזנעס קאמיוניטי האט צו אפפערן. די היינטיגע אנאנס אז ESPN וועט אויפשפילן די שפילן איז באגייסטערנדע נייעס, און עס מיינט אז מער מענטשן ארום די וועלט וועלן קענען זעהן פארוואס מיר זענען אזוי שטאלץ צו רופן די פלאץ אונזער היים."

**אסעמבלי מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** "די נאָרט קאנטרי איז באגייסטערט און גקען נישט ווארטן צו אפהאלטן די בעפארשטייענדע FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן. עס איז נישטא קיין בעסערע פלאץ פאר אזא געוואלדיגע געשעעניש צו פארקומען, און בקרוב וועלן ספארטסלער פון די גאנצע וועלט זעהן ווי עכט ספעציעל די פראכט פון די עדיראַנדעקס איז באמת. זינט די 1980 אלימפיקס האבן מיר נישט געהאט די געלעגנהייט צו אפהאלטן אזא גלאבאלע געשעעניש, און מיר זענען גרייט צו אויסשפרייטן די רויטע טעפעכער צו ארויסווייזן וואס ניו יארק האט צו אפפערן."

**לעיק פלעסיד מעיאר אַרט דעוולין האט געזאגט,** "אפהאלטן די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן האט אונז געגעבן די שוואונג צו אויך פארבעסערן די אינפראסטראקטור אין די אלימפיק

ווילעדזש, אריינרעכענענדיג וואסער רערן, סיידוואלקס און געסער. די שפּילן'ס הויכע שטאפל פון פארמעסטן און חינוך'דיגע און קולטורישע געשעענישן וועלן נאכאמאל אויפפלאמען די גלארערייכע היסטאריע פון די 1932 און 1980 ווינטער אלימפיקס בשעת'ן ארויסווייזן ORDA'ס זאלן פאר אלוועלטליכע ביישויער."

**נארט עלבא טאַון סופּערווייזאר, דערעק דאטי, האט געזאגט,** "אינוועסטירונג אין די ראיאן העלפט מאכן די סטעיט מער ציהענד פאר ווינטער פארוויילונג און אויספלוגן, צוציהענדיג נאך גרויסע ספארטס געשעענישן און עס ברענגט גאנץ-יאריגע ביזנעס און עקאנאמישע ווירקונג פאר די געגנט. אזוי ווי די FISU אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן טרייבן אויף אינטערעסע אין די נאָרט קאנטרי און אינוועסטירונג אין אונזער גאנצע ראיאן, זענען שוין יעצט געברענגט געווארן בענעפיטן וועלכע וועלן אנהאלטן פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**צייטווייליגער FISU פרעזידענט לעאָנץ עדער האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט אז די FISU שפילן זענען בלויז עטליכע חודשים אוועק, און איך בין פרייליך צו אנאנסירן אז די פארברייטונגען זענען שוין היבש אונטערוועגנס. איך וויל באדאנקען די אפהאלטנדע שותפים און ניו יארק סטעיט פאר זייער אנגייענדע שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט — אן זיי וואלט די געשעעניש נישט מעגליך געווען. די קומענדיגע חודשים וועלן זיין זייער וויכטיג צו פארענדיגן די לעצטע איינצלהייטן צו זיכער מאכן אז אלעס איז גרייט צו אויפנעמען די וועלט אין יאנואר 2023."

אנהענגער קענען נאכפאלגן די פארברייטונגען וועלכע קומען פאר בעפאר די שפילן אויף Facebook, Instagram און Twitter אויף @lakeplacid2023 און #lakeplacid2023. פאר מער אינפארמאציע איבער די לעיק פלעסיד FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן, באזוכט .www.lakeplacid2023.com

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן